אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/31/2024 גאווערנער קעטי האקול

# גאווערנער האקול שענקט 100 מיליאן דאלאר פאר 50 סקול דיסטריקטס צו שטיצן באמיאונגען זיך צו אפגעבן מיט פארפעלטע/פארגעסענע לערנען צוליב פאנדעמיע און אויסברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר

***50 סקול דיסטריקטס און BOCES באקומען גרענטס צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און שטיצן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס***

***שטופט פאראויס גאווערנער'ס פארפליכטונג צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע אין סקולס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געשאנקען 100 מיליאן דאלאר פאר 50 סקול דיסטריקטס און BOCES צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנען צוליב די פאנדעמיע און צו צושטעלן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר סקול קינדער. די געלטער וועלן אויסברייטערן די צוטריט פון סקול קינדער צו אויפגעוויזענע אינטערווענץ שיטות זיך צו אפגעבן מיט פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און אויך העלפן איינגעשטעלטע און סקול קינדער צו אויפכאפן און רעאגירן צו גייסטישע געזונטהייט זארגן. די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פריאריטעט צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר סקול קינדער.

"ניו יארק מאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו זיכער מאכן אז אלע אונזערע סקול קינדער זענען אויפן וועג צו הצלחה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן העלפן אונזערע לערער און סקול איינגעשטעלטע אנווייזן פונקטליך וואו די סקול קינדער זענען געווארן הונטערשטעליג און צושטעלן פאר די קינדער די קריטישע מיטלען וואס זענען נויטיג צו שטיצן זייער גייסטישע געזונטהייט, באזונדערס נאך די פאנדעמיע."

15 סקול דיסטריקטס און BOCES אריבער די סטעיט האבן באקומען די פארפעלטע/פארגעסענע לערנען "ערהוילונג פון קאוויד סקול פראגראם" (Recover from COVID School Program, RECOVS) גרענט. די געלטער וועלן אויסברייטערן צוטריט פון סקול קינדער צו אקאדעמישע ערהוילונג פראפעסיאנאלן צו ארבעטן צו צוריקברענגען פארפעלטע/פארגעסענע לערנען; צו פארבעסערן קאפאציטעט פון סקול איינגעשטעלטע און סקול קינדער צו אויפכאפן ווען דאס לערנען ווערט פארפעלט אדער פארגעסן; צו איינפירן אויפגעוויזענע און פארשונג-באזירטע שיטות צו פארמיידן סקול-באזירטע פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און פאר אקאדעמישע ערהוילונג; און צו פארזיכערן פינאנציעלע סטאביליטעט פאר סקול-באזירטע אקאדעמישע ערהוילונג געלעגנהייטן.

40 סקול דיסטריקטס און BOCES האבן באקומען די גייסטישע געזונטהייט RECOVS גרענט וואס ברייטערט אויס און שטיצט שיטות וואס פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט RECOVS גרענט און וואוילזיין; פארבעסערט די קאפאציטעט פון סקול איינגעשטעלטע און קינדער צו קענען אידענטיפיצירן

גייסטישע געזונטהייט זארגן און זיי שטופן זיך צו ווענדן פאר הילף; און שטופט פאר פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן איינעם צווישן סקול קינדער.

**סטעיט עדזשוקעישען קאמישאנער, בעטי א. ראָזע, האט געזאגט,** "די RECOVS גרענט פינאנצירונג שטרייכט אונטער אונזער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן גערעכטע צוטריט צו חינוך געלעגנהייטן און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר אלע סקול קינדער. דורכן אדרעסירן פארלוירענע שעות אין קלאסצימער און לייגן די וואוילזיין פון סקול קינדער אלס פריאריטעט, ציהלן מיר צו שאפן אן אריינגעמיגע חינוך'דיגע אטמאספערע וואס באפולמעכטיגט יעדן לערנער צו בליהען אין די תקופה נאכפאלגנדיג די קאוויד-19 פאנדעמיע."

**באורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאָנג דזשוניאר, האט געזאגט,** "די באורד אָוו רידזשענטס און איך זענען דערפרייט מיט די באדייטנדע פינאנצירונג געווידמעט צו פארבעסערן די וואוילזיין פון סקול קינדער און צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנען. די קריטישע שטיצע וועט באפולמעכטיגן מחנכים צו שאפן נערנדע אטמאספערעס אזוי ווי אונזערע סקול קאמיוניטיס זעצן פאר צו דורכשוויצן די אנגייענדע שוועריגקייטן וואס די פאנדעמיע שטעלט פאר זיי."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיך אז דורך 100 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג — האבן איך און מיינע סענאט קאלעגן, מיט שטיצע פון גאווערנער האקול, געקענט זיכער מאכן אז 50 סקול דיסטריקטס און BOCES אריבער ניו יארק סטעיט וועלן באקומען די פינאנציעלע שטיצע וואס זיי דארפן צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנען דורך סקול קינדער און גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן. עס דערפריידט מיך באזונדערס אז עטליכע סקול דיסטריקטס וואס איך פארטרעט – פארט טשעסטער-ריי יוניאן פרי סקול דיסטריקט, די יאנקערס סיטי סקול דיסטריקט און דיסטריקטס וואס זענען געווען טייל פון די דרום וועסטשעסטער BOCES אפליקאציע – וועלן באקומען טייל פון די פינאנצירונג. אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע חודשים, בין איך געווען מזל"דיג צו באקומען טורס אין סקולס אריבער די סטעיט – אריינרעכנענדיג קאנאדזשאָוהערי – צו צוזעהן די שעפערישע ארבעט וואס סקולס טוהען צו אדרעסירן געגנוי די אנגעלעגנהייטן, און איך בין באאיינדרוקט געווארן פון זייערע באמיאונגען. מיט די גרענטס וועלן מער סקולס זיך קענען פארזיכערן די מיטלען וואס זיי דארפן אזוי פארצווייפלט צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען פון ניו יארק'ס סקול קינדער."

**סטעיט סענאטאר דזשאן ליו האט געזאגט,** "די פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און גייסטישע געזונטהייט זארגן וואס זענען געברענגט געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע זעצן פאר צו שטעלן א באדייטנדע שוועריגקייט פאר סקולס זיך צו שטארקן דעריבער, און דערפאר וועט די אינוועסטירונג העלפן ברענגען פאר אונזערע קינדער און לערער די שטיצע וואס זיי דארפן זיך צוריק צו שטעלן אויף די רעלסן. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר די איבערגעגעבנקייט צו גיבן פריאריטעט פאר- און אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר אונזערע סקול קינדער."

אין אויגוסט פון 2023 האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](#) אז 100 מיליאן דאלאר איז געווען צו באקומען פאר סקול דיסטריקטס דורך דעם פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און גייסטישע געזונטהייט RECOVS פראגראם.

קערפערשאפטן וועלכע האבן באקומען פאנדעמיע פארפעלטע/פארגעסענע לערנען RECOVS גרענטס:

| סקול דיסטריקט/ BOCES | סומע געשאנקען |
|---|---|
| עמיטיוויל סקול דיסטריקט | $1,030,422 |

| | |
|---|---|
| ברוּם טייאָגע BOCES | $4,147,183 |
| באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט | $2,883,515 |
| קלייד-סעווענע סענטראל סקול דיסטריקט | $1,188,000 |
| קיוּבע/ראָשפארד סענטראל סקול | $308,298 |
| ערי 2-שעטאַקווע-קעטערעגוּס BOCES | $667,742 |
| העמפּסטעד יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $5,000,000 |
| לייאנס סענטראל סקול דיסטריקט | $1,373,141 |
| ניו יארק סיטי פובליק סקולס | $19,722,761 |
| פּארט טשעסטער-ריי יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $2,400,000 |
| סאָדוס סענטראל סקול דיסטריקט | $1,308,000 |
| סאלוועי יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $1,187,298 |
| סירעקיוּס סיטי סקול דיסטריקט | $5,000,000 |
| וואטערטאון סיטי סקול דיסטריקט | $1,783,640 |
| יאנקערס סיטי סקול דיסטריקט | $2,000,000 |

קערפערשאפטן וואס האבן באקומען גייסטישע געזונטהייט RECOVS גרענטס:

| סקול דיסטריקטס/ BOCES | סומע געשאנקען |
|---|---|
| אויבורן ענלאַרדזשד סיטי סקול דיסטריקט | $828,421 |
| באלדווינסוויל סענטראל סקול דיסטריקט | $568,022 |
| בעלמאור יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $431,724 |
| באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט | $5,000,000 |
| קאנאדזשאָוהערי סענטראל סקול דיסטריקט | $163,602 |
| קארמעל סענטראל סקול דיסטריקט | $227,432 |
| קלעירענס צענטראל סקול דיסטריקט | $921,702 |
| דריידען סענטראל סקול דיסטריקט | $231,820 |
| דאָנקירק סיטי סקול דיסטריקט | $290,572 |
| איסט קוואג יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $663,180 |
| ערי 2-שעטאַקווע-קעטערעגוּס BOCES | $364,202 |
| פריפּארט יוּניאן פרי סקול דיסטריקט | $1,344,000 |
| גאווערנער סענטראל סקול | $508,336 |
| גאָוואַנדע סענטראל סקול דיסטריקט | $182,733 |
| העווערסטראו-סטאָוני פּוינט סענטראל סקול דיסטריקט | $3,499,312 |
| הענדריק האדסאן סקול דיסטריקט | $474,770 |
| איראָקוואַ סענטראל סקול דיסטריקט | $200,000 |
| ליווערפּול סענטראל סקול דיסטריקט | $3,925,110 |
| לייאנס סענטראל סקול דיסטריקט | $1,368,357 |
| מאנראו 1 BOCES | $373,262 |
| מארעיוויע סענטראל סקול דיסטריקט | $360,880 |
| אניידע סיטי סקול דיסטריקט | $1,000,000 |
| פּיקסקיל סיטי סקול דיסטריקט | $2,207,130 |
| פּיין בוּש סענטראל סקול דיסטריקט | $503,829 |

| | |
|---|---|
| רעד הוּק סענטראל סקול דיסטריקט | $786,400 |
| ראטשעסטער סיטי סקול דיסטריקט | $1,266,800 |
| ראַקסבורי סענטראל סקול דיסטריקט | $231,440 |
| סערענעק סענטראל סקול דיסטריקט | $2,487,466 |
| סקענעקטעדי סיטי סקול דיסטריקט | $2,491,944 |
| סקאָודעק סענטראל סקול דיסטריקט | $151,852 |
| שענענדאהאָווע סענטראל סקול דיסטריקט | $248,581 |
| סאַוט קאָנטרי סענטראל סקול דיסטריקט | $252,500 |
| סאַוט גלען פאלס | $2,560,877 |
| דרום וועסטשעסטער BOCES | $2,347,319 |
| סירעקיוּס סיטי סקול דיסטריקט | $5,000,000 |
| טאָמפּקינס-סענעקא-טייאָוגע BOCES | $702,556 |
| טאָנעוואַנדע סיטי סקול דיסטריקט | $1,250,106 |
| וואפּינדזשערס סענטראל סקול דיסטריקט | $2,527,780 |
| וויליאמסוויל סענטראל סקול דיסטריקט | $55,983 |
| יאנקערס סיטי סקול דיסטריקט | $2,000,000 |

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול פארמערט די פינאנצירונג פאר סקולס מיט רעקארד-הויכע סומעס — א סך הכל פון 5 ביליאן דאלאר איבער צוויי יאר. דאס יאר שלאגט גאווערנער האקול פאר 35.3 ביליאן דאלאר אין סקול עיד, די העכסטע סומע אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט צוגעטיילט א היסטארישע סומע פון 34.5 ביליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס סקולס כדי צו העלפן גיבן יעדע קינד אין סקול די כלים צו קענען מצליח זיין מיט א חינוך פון א הויכע קוואליטעט.

דאס אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט זארגן צווישן יונגווארג איז שטענדיג געווען א פריאריטעט פאר גאווערנער האקול, און עס איז א קריטישע עלעמענט פון איר היסטארישע [1 ביליאן דאלארדיגע פלאן]() צו בארייכערן, אויסברייטערן און פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אריבער די סטעיט. איר פלאן רעכנט אריין 30 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער, אריינרעכנענדיג 20 מיליאן דאלאר פאר סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און 10 מיליאן דאלאר צו איינפירן טרענירונגען פאר ארומיגע סערוויסעס, און אזוי אויך רעגולאטארישע ענדערונגען צו עלימינירן אונטערשיידן אין אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט קעיר און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס. דאס רעכנט אריין צו פאדערן פון קאמערציעלע אינשורענס פלענער צו דעקן סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אין סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט דאס אוועקשטעלונג פון נייע [היים-באזירטע קריזיס אינטערווענץ]() (Home-Based Crisis Intervention) מאנשאפטן און די אויסברייטערונג פון עקזיסטירנדע מאנשאפטן — מאנשאפטן וואס שטעלן צו קריטישע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר וואקלדיגע קינדער און יוגנטליכע און העלפן זיי אויסמיידן פסיכיאטרישע האספיטאליזאציע.

לעצטער זומער האט די גאווערנער אפגעהאלטן די סטעיט'ס ערשטע [כינוס אויף גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג]() (Summit on Youth Mental Health), וואס האט צוזאמגעברענגט עקספערטן פון אריבער די סטעיט און לאנד און אזוי אויך סערוויס פראָווײדערס און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן צו איבעררעדן די שוועריגקייטן וואס יונגע מענטשן שטייען אויס היינטיגע טעג. זי האט אויך פאראָרדנט פאר די NYS אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) און אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) צו דורכפירן אן ['אויסהערן טור]() [איבער גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג']() אריבער די סטעיט צו הערן דירעקט פון קינדער אריבער די

סטעיט איבער זייערע איבערלעבענישן מיט גייסטישע געזונטהייט קעיר און איבער וויאזוי די סיסטעם קען פארשטערקערט ווערן.

אין די היי-יאריגע 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן מאסנאמען וואס וועלן דראמאטיש אויסברייטערן צוטריט צו סערוויסעס פאר קינדער, יונגווארג און פאמיליעס. די פארשלאגן רעכענען אריין אוועקשטעלן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס פאר סיי וועלכע סקול וואס וויל איינס, פארשלאגן געזעצן צו באגרעניצן סאָושעל מידיע פיטשעווקעס וואס זענען שעדליך פאר יונגע מענטשן, אוועקשטעלן נייע 'יונגווארג אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג' ( Youth Assertive Community Treatment, Youth ACT) מאנשאפטן און אויסברייטערן הלוואה באצאלונג פראגראמען פאר גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן פאר קינדער.

**ניו יארק סטעיט סקול באורד אסאָוסיעישען ( New York State School Boards Association, NYSSBA) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראבערט שניידער, האט געזאגט,** "די NYSSBA שטיצט און איז דאנקבאר פאר די סטעיט'ס ספעציעלע אינוועסטירונג אין סקול דיסטריקטס'ס באמיאונגען זיך צו אגרעסיווערהייט אפרופן צו די ברייטע רייע פון השפעות פון די קאוויד-19 פאנדעמיע אויף סקול קינדער."

**New York State United Teachers (NYSUT) פרעזידענט, מעלינדע פערסאן, האט געזאגט,** "NYSUT שתדל'ט שוין פון לאנג צו ערפילן די באדערפענישן פון דעם גאנצן קינד – אריינרעכענענדיג גייסטישע געזונטהייט – אלס א קריטישע זאך פאר הצלחה ביים לערנען. די סטעיט אינוועסטירונגען ברענגען אונז נאענטער צו אונזער ציהל פון בויען די זיכערע און שטיצנדע קלאסצימערן וואס אונזערע קינדער דארפן צו קענען דערגרייכן זייער פולע פאטענציאל."

**United Federation of Teachers פרעזידענט, מייקעל מולגרו, האט געזאגט,** "אונזערע סקול'ס קאמיוניטיס זענען נאכאלץ אין וויטאג. די געלטער זענען אויסגעשטעלט צו אנערקענען און זיך אפגעבן מיט די מציאות. די שווערקייט יעצט איז צו זיכער מאכן אז די געלטער קומען אן צו די סקול קינדער."

**SAANYS עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קעווין קעיסי, האט געזאגט,** "אזוי ווי סקול דיסטריקטס זעצן פאר זיך צו אפגעבן מיט די שוועריגקייטן פון די פארגאנגענע עטליכע יאר, טוהען סקול הנהלות אידענטיפיצירן די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון סקול קינדער און פון די סקול קאמיוניטי אלס איינס פון זייערע הויפט פריאריטעטן. SAANYS איז דערפריידט צו זעהן נויטיגע מיטלען ווערנדיג געשיקט צו אונזערע סקולס צו נאכקומען די קאמפליצירטע מצבים וואס די סקול קינדער און איינגעשטעלטע גייען אריבער אויף א טעגליכן פארנעם. מיר זענען זיכער אז די RECOVS געלטער וועלן אויסגענוצט ווערן קלוגערהייט און ווירקזאמערהייט און אז זיי וועלן פארשטעקערן די ארבעט וואס איז יעצט אונטערוועגנס."

**Conference of Big 5 School Districts (קאנפערענץ פון גרויסע 5 סקול דיסטריקטס) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דזשעניפער ק. פייל, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די כמעט 50 פראצענט פון די סטעיט'ס פובליק סקול קינדער וואס באקומען זייער חינוך אין די גרויסע 5 סקול דיסטריקטס, זענען מיר באמת דאנקבאר פאר די גאווערנער און לעגיסלאטור'ס שטיצע פון קריטישע פראגראמען און סערוויסעס צו אדרעסירן די ברייטע רייע פון פאנדעמיע-פארבינדענע באדערפענישן פון אונזערע סקול דורך די RECOVS גרענטס. די מיטלען וועלן ערמעגליכן פאר סקול דיסטריקטס צו פינאנצירן וועזנטליכע אקאדעמישע און גייסטישע געזונטהייט פראגראמען און סערוויסעס כדי צו פארמינערן די נעגאטיווע השפעות פון די פאנדעמיע. די באדערפענישן פון די גרויסע 5 סקול דיסטריקטס זענען גאר גרויס, און די RECOVS דאלארן וועלן שטיצן אונזערע סקול דיסטריקטס מיט זייער פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז יעדע איינציגע קינד ווערט צוגעשטעלט די שטיצע וואס פעהלט אויס פאר זיי צו מצליח זיין."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן